בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת חקת בלק (חו"ל) תשפ"ו

גליון 846 [שנה י"ח]

**האט שלמה המלך באמת געוואלט וויסן דעם טעם פון פרה אדומה?**

זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה: (במדבר יט ב) שטייט אין ילקוט שמעוני אז אויף דעם פרשה פון פרה אדומה האט שלמה המלך געזאגט: "כָּל זֹה נִסִּיתִי בַחָכְמָה אָמַרְתִּי אֶחְכָּמָה וְהִיא רְחוֹקָה מִמֶּנִּי:" (קהלת ז כג) ער פלעגט דרשנען און פרעגן אין דעם טעם, און ער האט נישט פארשטאנען איר טעם, ביז ער האט געזאגט איך האב געזאגט איך וועל קלוג ווערן, אבער די טעם איז ווייט פון מיר, מען דארף פארשטיין: אויב די תורה האט געזאגט אז דאס איז חוקת א חק אן א טעם, איז דאס פשוט אז אפילו שלמה וועט פרובירן צו טרעפן א טעם, וועט ער נישט טרעפן דער טעם, אויב אזוי פאר וואס האט שלמה פרובירט צו וויסן איר טעם? נאר מען קען ענטפערן אז חלילה שלמה האט נישט פרובירט צו פארשטיין וואס איז דער טעם פון פרה אדומה, ווייל די תורה האט געזאגט אז עס איז א חק, זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה, אבער פונדעסטוועגן פלעגט ער דרשנען, פרעגן און פארשן כדי קלאר צו מאכן וואס זענען אלע טעמים וואס מען וואלט געקענט פארענטפערן אויף פרה אדומה, און ער האט זיי אפגעפרעגט אז זיי זענען נישט ריכטיג, ביז ער איז אנגעקומען צו א קלארקייט אז עס איז נישטא קיין שום טעם, און עס נאר א חק, און דעמאלט האט ער געקענט זאגן: "וְהִיא רְחוֹקָה מִמֶּנִּי", מען קען דאס פארשטיין למשל אויב די תורה וואלט געשריבן אז ווען א מענטש בארגט געלט פון זיין חבר, איז עס א חק אז ער מוז צוריק געבן די חוב, וואלט שווער געווען: פארוואס זאגט די תורה אז דאס איז א חק? עס איז פשוט אז מען האט געבארגט געלט דארף מען דאס באצאלן! ממילא וויפיל א מענטש ווערט פרובירן צו פארשטיין פארוואס דאס איז א חק וועט ער נישט פארשטיין פארוואס איז דער טעם וואס מען רופט דאס א חק, נאר מען מוז גלויבן אז דאס איז א חק אן א טעם, דא האט שלמה המלך געלערנט און קלאר געמאכט די ווערטער פון די תורה אז פרה אדומה איז א חק אן א טעם וואס מען קען פארשטיין, אבער עס איז א חוב צו לערנען תורה צו פארשטיין פארוואס דאס איז א חק און נישט א זאך מיט א טעם. (משאת המלך הגאון ר' שמעון משה דיסקין)

**פארוואס שטייט נישט זאת חקת הטהרה?**

זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה: (יט ב) אז עס שטייט זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה און נישט זֹאת חֻקַּת הַטָּהֳרָה אזוי ווי עס שטייט (שמות יב, מג) "זֹאת חֻקַּת הַפָּסַח"? איז משמע אז דער ענין פון פרה אדומה איז די חק און א עיקר אין די גאנצער תורה, און עס קומט אויס אז דאס וואס שטייט לטמא טהורים לטהר טמאים קומט צו ווייזן אז די גאנצע תורה איז געבויט אויף דעם, ווייל אין יעדע מדה איז דא צד הטהור, די גוטע וועג, און צד הטמא, די נישט גוטע וועג, ווי אזוי דינט מען דעם אויבערשטן אין די ריכטיגע וועג, למשל מדת גאוה און ענוה, דארף מען נוצן די מדה פון ענוה ווען איינער זאגט דיר א שלעכטע ווארט, און זאג נישט א שלעכטע ווארט צו יענעם, ווייל זאלסט נוצן די מדת הגאות אויף יענעם אז ער וועט ווערן געטשעפעט, אויך ביי צדקה, זאלסט זיין א פזרן און טיילן אסאך צדקה, און פאר יענעם זאלסטו האלטן אז ער איז א עני ואביון און יעדע פרוטה איז חשוב ביי אים און אכטונג געבן אויף דעם, און נישט פארקערט צו זיין א בעל גאוה ווען יענער זאגט דיר עפעס און האלטן יענער זאל זיין א עניו און מוז נישט ווערן געטשעפעט, און אויך טראכטן יענער איז א עושר און דארף נישט קיין געלט און דו ביזט פארקערט און קענסט נישט געבן, דאס איז דער ענין פון לטמא טהורים לטהר טמאים, און דאס מיינט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מַרְבִּים שָׁלוֹם בָּעוֹלָם (ברכות דף סד ע"ב) ווייל זיי ווייסן ווי אזוי צו נוצן די מדות אין די ריכטיגע וועג און עס וועט זיין שלום, שֶׁנֶּאֱמַר; וְכָל בָּנַיִךְ לִמּוּדֵי ה' וְרַב שְׁלוֹם בָּנָיִךְ, אַל תִּקְרֵי "בָּנָיִךְ" אֶלָּא "בּוֹנָיִךְ", דעריבער שטייט זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה ווייל דער ענין פון פרה אדומה לטמא טהורים לטהר טמאים ברענגט שלום אין די וועלט און דאס איז די תכלית פון תורה. (דרש משה הגאון רב משה פיינשטיין)

**פרשת בלק רמז אין די ברכה אויף די שבעה לא שלט בהן רמה**

מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל: (כד ה) עס שטייט אין גמ' (ב"ב דף יז ע"א) וז"ל שִׁבְעָה לֹא שָׁלַט בָּהֶן רִמָּה וְתוֹלֵעָה, וְאֵלּוּ הֵן: אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן וּמִרְיָם, וּבִנְיָמִין בֶּן יַעֲקֹב. אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב, דִּכְתִיב "בַּכֹּל", "מִכֹּל", "כֹּל", מֹשֶׁה, אַהֲרֹן וּמִרְיָם, דִּכְתִיב "עַל פִּי ה'", בִּנְיָמִין בֶּן יַעֲקֹב, דִּכְתִיב: "וּלְבִנְיָמִן אָמַר יְדִיד ה' יִשְׁכֹּן לָבֶטַח עָלָיו". עכ"ל. מען קען מרמז זיין א פלא אז די מאמר חז"ל איז מרומז אין די ברכה, ווייל די מספר מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל 1691 איז די זעלבע גימאטריא פון די שִׁבְעָה לֹא שָׁלַט בָּהֶן רִמָּה, אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן מִרְיָם, בִּנְיָמִין 1691. (ספר שומר אמונים מהגאון רב משה מלנצבּרג אופיבאך תפ"ד ונדפס עכשיו מחדש) קען מען מחדש זיין אז דאס ליגט אין פסוק ווייל אויף די וועלט איז נישט גרינג פאר צדיקים וואס גייען דורך אסאך שוועריקייטן, אבער לעתיד לבא וועלן זיי זיצן מיט מנוחה, און מיר ווייסן אז יעקב איז א בחינה פון קטנות און צער, און ישראל איז א בחינה פון שמחה און העכערקייט, דאס קען זיין מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב, ווי גוט איז פאר די צדיקים אויף די וועלט וואס א אהל איז א געצעלט וואס איז נאר א צייטווייליג, און עוה"ז איז אויך צייטווייליג, און די צדיקים דינען דעם הייליגן באשעפער און גייען ארויף אין מדריגות, אבער עס איז נאר יעקב, אבער מִשְׁכְּנֹתֶיךָ ווען זיי קומען צו זייער מנוחה בעולם העליון זענען זיי יִשְׂרָאֵל, מיט שמחה און גדלות, און דאס איז מרומז ביי בִּנְיָמִין, יְדִיד ה' יִשְׁכֹּן לָבֶטַח עָלָיו, דער צדיק וואס הייסט יְדִיד ה', יִשְׁכֹּן, ער וועט רוהען, לָבֶטַח עָלָיו, אז עס וועט נישט שולט זיין רמה, מען זעהט נאך היינט אז אסאך צדיקים האבן זוכה געווען צו בלייבן גאנץ, און דאס איז נאך פון די כח פון די שבעה, א צדיק וואס איז יְדִיד ה' און געקומען צו שלימות איז מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל, זוכה צו דער מתנה. (שמח זבולון תשפ"ו)

**פארוואס שטייט וירא בלק און נישט וישמע בלק**

וַיַּרְא בָּלָק בֶּן צִפּוֹר אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמֹרִי: (כ"ב ב) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט וַיַּרְא און נישט וַיִּשְׁמַע ער האט געהערט ווייל ער האט נאר געהערט, אזוי ווי עס שטייט וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ (שמות יח א) און נישט וַיַּרְא יִתְרוֹ? נאר באמת וַיַּרְא גייט ארויף אויף דעם וואס שטייט אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמֹרִי, אז ער האט געזאגט צו בלעם וְהוּא יֹשֵׁב מִמֻּלִי, אז די אידן זענען שוין ביים גרעניץ, אז די אידן האבן שוין איינגענומען אֱמֹרִי און דאס האט ער יָא געזען, וועגן דעם שטייט וַיַּרְא בָּלָק. (אהבת דוד חיד"א)


הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

## מדור העובדות

### *****דער הייליגער צאנזער רב זצוק"ל היילט אויס א שטומער בחור און זאגט עס איז נישט געווען א מופת!*****

הרה"ח רב רפאל הלוי צימעטבוים איז געווען פון די נאנטע און געטרייע משמשים פון הייליגן צאנזער רב זצוק"ל, האט דערציילט אז אין שטאט איסטריק, Ustrzyki Dolne, אין פולין, איז געווען א צאנזער קלויז וואס דארטן איז געווען פון די מתפללים א דייטשער בחור וואס איז געווען דער שמש פון קלויז, איינמאל איז ער ל"ע קראנק געווארן אויף טיפוס און געווען אויף א שווערע מצב, אבער בס"ד איז ער געזונט געווארן פון די טיפוס, אבער ער איז געבליבן א שטומער און פארלוירן זיין כח הדיבור, ער האט ווייטער אנגעפירט די ארבעט אין קלויז זייער געטריי און געווען ווי אלע מענטשן, ער פלעגט הערן, אבער רעדן האט ער נישט געקענט, די חסידים האבן רחמנות געהאט אויפן בחור אבער מען האט אים נישט געקענט העלפן.

אין איסטריק איז געווען א מתפלל אין קלויז פון די דערהויבענע חסידים פון הייליגן צאנזער רב, ער האט געהייסן רב נחמן וואס איז שפעטער געפארן קיין ארץ ישראל וואוינען, זייענדיג א אוהב ישראל האט ער געוואלט העלפן דעם בחור און עס איז געווען פאר שבועות און די חסידים פון קלויז האבן געוואלט פארן אויף יום טוב שבועות קיין צאנז, ער האט מחליט געווען אז ער וועט מיט נעמען דעם בחור קיין צאנז אויף שבועות, און האט געהאפט אז דער הייליגער רבי וועט טרעפן א רפואה פארן בחור און קענען רעדן, און ער האט געפרעגט דעם בחור צו ער איז מסכים צו פארן, און ער האט געענטפערט זיכער יא! און זיי זענען אנגעקומען קיין צאנז ערב שבועות.

ווען זיי זענען אריין אין רבי'ס צימער נעמען שלום, און דער שטומער בחור איז געווען צווישן זיי- איך בין אויך דארטן געווען- האט דער חסיד ר' נחמן דערציילט פארן רבין וועגן דעם בחור וואס איז געווארן שטום, און דער בחור האט אנגעהויבן זייער שטארק צו וויינען, האט דער הייליגער רבי, געזאגט צום בחור אויף אידיש: זאג גוט מארגן רבי! דער בחור האט גארנישט געזאגט, ער האט נאר געוויינט און געכליפעט.

אויך אין די צוויי טעג פון יו"ט שבועות איז דער בחור אריין צו דעם הייליגן רבין און האט זייער געוויינט פאר אים, און דער רבי האט אים געבעטן צו רעדן עפעס, אבער עס האט גארנישט געהאלפן, דער מנהג איז געווען ביים צאנזער רב צו לייגן זיין האנט אויפן מענטש און געבן א ברכה, אבער אין דעם טאג וואס איז געווען ברכת כהנים, פלעגט ער נישט לייגן די הענט אויף א קאפ צו בענטשן, און נאר געגעבן א ברכה פארן בחור ער זאל קענען רעדן.

נאך יום טוב האבן די חסידים געוואלט צוריק אהיים פארן קיין איסטריק, און ביים געזעגענען האט דער רבי זיי געוואונטשן, און אויך געוואונטשן דעם בחור, האט דער חסיד ר' נחמן געפרעגט דעם רבין צי זיי זאלן מיט נעמען דעם בחור אדער אים איבערלאזן אין צאנז? האט דער רבי געענטפערט, זיי זאלן אלע ווארטן אין צאנז נאך איין טאג, און מארגן זאלן זיי אלע אהיים פארן לחיים ולשלום, דעם קומעדיגן טאג האבן אלע באקומען געזעגענען ברכות, און דער בחור אויך צווישן זיי מיטן הייליגן האנט אויף אים, און זיי זענען געפארן.

אין צאנז איז נישט געווען דער מנהג צו דערציילן פון מופתים, ווייל דער רבי האט דאס נישט געוואלט, אבער דעם מופת אין דעם ענין האט מען געזען נאך יום טוב, ווען דעם צווייטן דינסטיג נאך יו"ט איז אנגעקומען א חסיד פון איסטריק און ביי שלש סעודות האט ער דערציילט פארן עולם ביים טיש, אז דער שטומער בחור וואס איז געווען אין צאנז אויף שבועות, איז אנגעקומען אהיים יענע וואך און ער רעדט שוין ווי אלע מענטשן! ער געהאט א עליה לתורה שבת אין בית המדרש און האט געבענטשט גומל'! דער עולם האט אנגעהויבן רעדן פון דעם, ווען פלוצלינג איז דער הייליגער רבי אריינגעקומען צום טיש, און מען האט אויפגעהערט צו רעדן, האט דער רבי געפרעגט: "וואס האט מען יעצט גערעדט?" אבער קיינער האט גארנישט געענטפערט. האט דער רבי געפרעגט נאך אמאל: "וואס האט מען יעצט גערעדט?" האט מען אים דערציילט וואס דער חסיד פון איסטריק האט דערציילט פון בחור.

האט דער רבי געזאגט: "ביי היינטיגע חסידים איז דאס א מופת, אז א שטומער האט אנגעהויבן צו רעדן! אבער עס איז נישט אזוי, ווייל דער בחור האט געקענט רעדן און ער האט געהאט די כלי הדיבור, נאר די שטומקייט איז אין אים אנגעקומען ווי א עקשנות, אז ער האט נישט געקענט רעדן, מען האט נאר געדארפט ארויסנעמען פון אים דעם כח פון עקשנות אז ער זאל ארויסרעדן א ווארט, און היינט ווערט דאס גערעכנט ביי די חסידים אלס מופת!"

עטלעכע יאר שפעטער, איז דאס געווען אין א פרייטיג צו נאכטס, בין איך געגאנגען מיט דעם הייליגן רבין אין בית המדרש אריין צו קידוש, און דער עולם איז געשטאנען אין צוויי שורות פון ביידע זייטן, אז דער הייליגער רבי זאל קענען דורכגיין אינדערמיט, און דער רבי פלעגט שטענדיג קוקן אויף די מענטשן און פרעגן פון וואנען זיי זענען, דארט איז געשטאנען דער געוועזענע שטומער בחור פון איסטריק וואס האט שוין דעמאלט חתונה געהאט, און דער רבי האט אים אויך געפרעגט ווער ער איז? האט ער געענטפערט: "איך בין דער שטומער פון איסטריק וואס דער רבי האט אויסגעהיילט." האט דער רבי אים צוגערופן אין א זייט און געזאגט: "דו רעדסט שוין מער ווי צופיל!"

יענעם שבת האט דער רבי גערעדט פאר די חסידים: "איר דארפט דאך נישט קיין מופתים, איר ווייסט אויך אז אן קיין מופת איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. אבער א דייטש, וואס פארט אהיים מיט א מופת, דורך דעם ווערט באקאנט אויך צווישן די דייטשן אז עס איז דא אזאך ווי א צדיק און אז עס איז דא א באשעפער אויפן וועלט, און אזא מופת איז גוט צו ווייזן." זיע"א.

(ספר דרכי חיים הרה"ח רב רפאל הלוי צימעטבוים)

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

עטרה פון הייליגן רבי מאיר מפרמישלאן עם אישור חזק $180000 4 חומשים עם אור החיים זיטאמיר חסר בראשית $20000 ספר עם הקדשת הגה"ק מגאלאנטא זצוק"ל $2500 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימות וחותמת הר' עזריאל הילדסהיימער $650 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' חיים יעקב ב"ר יהודה דוב פיינשטיין שהיה שד"ר מצפת $600 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' אברהם יצחק וויינבערגער מקליינווארדיין ובניו ותלמידו ר' צבי הירש בלום $700 ישמח משה שייך להרה"ק מטאש עם כתב ידו מעיר טאש עם אישור $10000 ספר דינים ומנהגים לביהכ"נ דחברת אחים ברעסלויא תקצ"ג לא ידוע $2000 חומש ויקרא סלאוויטא עם חתימת הרה"ק ר' חיים מקאסוב בעל תורת חיים $55000 גמ' שלמד בו הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק $2500 תהלים שאמר בו הרה"ק ר' שלמה מבאבוב כל חודש אלול תשנ"ח $15000 טלית קטן של הבית ישראל מגור $18000 דפו"ר קדושת לוי מהדורא תנינא תקס"ו חסר השער ו6 דפים $4500 ספר מעבר יבוק זיטאמיר $2000 רזיאל המלאך שייך להגאון ר' משה סופר אב"ד טיסע פעריד ור' שלמה הכהן שטראססער ור' משה זיכערמאן $1000 מכתב האמרי אמת מגור מבקש מש"ב לעזור לחתן אחיו ומברכו בעשירות $3500 מכתב הרה"ק ר' מנחם מנדל מפביאניץ הי"ד $1500 מכתב המנחת אלעזר עם ראשי הקהל לחתונת בתו עם ברכתו $8000, דולר שבירך האדמו"ר מטאש לחתן הבאבא סאלי $2000 מכתב ארוך שנת תש"ז מאגודת ישראל ארה"ב מבקשים עזרה מאגודת ישראל לונדון עזרה חותמים אדמו"ר מבלאזוב, ר' אלי' מאיר בלאך, ר' שמעון שוואב, אלימלך טרעס ור' הענדעלס $3800 מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא $1800 ספר עם הגהות השפת אמת מגור עם האמרי אמת והרה"ק ר' משה בצלאל $60000 ספר שייך להתפארת עוזיאל תלמיד המגיד ממעזריטש וגם השפת אמת מגור $35000 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $3000 כל אחד, ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $3500

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:00, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *www.seforimworld.com*.